# די פנימיות'דיגע
# שמחה פון א איד

דרשת הגה"ח ר' **משה קרעמער** שליט"א

בעת משתה היין - סעודת פורים תשס"א

- באידיש -

יצא לאור ע"י

המכון להוצאת והדפסת כתבי

הגה"ח רבי **משה קרעמער** שליט"א

+972-52-764-3910

לשמוע שיעור זה

0799402242

5-6-2-2#

# די פנימיות'דיגע שמחה פון א איד

**די** ערשטע זאך, נאכדעם וואס מיר האבן געהערט אזא דרשה פון אונזער רעבי'ן (דער פורים רב), איך קען אייך זאגן אז מיר ווארטן שוין אויף איבער א יאר פורים נאכאמאל צו הערן אזא דרשה, צוליב דעם אליין לוינט שוין צו ווארטן.

**שבת** האבן מיר אנגעהויבן די הקדמה פון סיפורי מעשיות, ליידער איז מען געבליבן אינמיטן די הקדמה, דער אויבערשטער זאל העלפן, [מ'וועט] פרובן אביסל צו ממשיך זיין, טאקע לערנען אין די מעשה.

**דער** רבי דערציילט אין די מעשה פון בעל תפילה אז די וועלט האט זיך צוטיילט נאכדעם וואס עס איז געווען דער רוח סערה, איז די וועלט צוטיילט געווארן אויף אסאך כיתות, וואס יעדער איינער האט זיך אויסגעקליבן אן אנדער זאך אז דאס איז דער תכלית פון די וועלט, און מען זעט אין די מעשה ווי אלע כיתות זענען געווען רחמנא ליצלן פון די מידות הנפולות, וואס דאס איז געווארן פון דעם רוח סערה, ר' נתן זאגט אז דאס איז דער סוד פון שבירת כלים, עס האט זיך אלץ איבערגעדרייט.

**דער** אמת'ן אין שורש איז טאקע אזוי, אז די ערשטע כיתה וואס האט זיך אויסגעקליבן אז דער עיקר תכלית איז כבוד, אזוי איז טאקע, אז דער תכלית הבריאה איז כבוד השם יתברך, אבער דער רוח סערה האט דאס איבערגעדרייט, איז געווארן רחמנא לצלן דער היפך ממש, דער ענין פון נאכלויפן נאך כבוד, און אזוי ווייטער די אלע כיתות.

**צווישן** די כיתות, דערציילט דער רבי, אז עס איז געווען א כיתה וואס האט זיך אויסגעקליבן אז דער תכלית פון די וועלט איז שמחה, אז מען זאל נאר זיין פריילאך, און ווי מען זעט אין די מעשה אז חוץ פון די כת וואס האט זיך אויסגעקליבן אז דער תכלית איז תפילה, זענען אלע געווען מצד הסטרא אחרא, מצד די מידות הנפולות.

## דיוקים אין די מעשה ביי די כת וואס האט אויסגעקליבן שמחה

**איז** געווען א כת וואס האט זיך אויסגעקליבן אז דער תכלית איז שמחה, זיי זאגן, מען זעט דאך אז עס ווערט געבוירן א קינד איז מען פריילאך, מען מאכט א חתונה איז מען פריילאך, איז דאך א סימן אז דער תכלית איז שמחה, ממילא דארף מען נאר טאן ארום זיין פריילאך, אלע עצות, אלץ אז מען זאל זיין פריילאך.

**דערנאך** דערציילט דער רבי אז זיי האבן געזוכט א מלך, דאס הייסט א מענטש וואס ער איז א מושלם, וואס ער האלט ביי דעם תכלית, וואס ער ווייסט אז דער תכלית איז נאר זיין פריילאך, האבן זיי געטראפן א גוי, אנגעטאן אין א מיאוס'ע העמד און ער האט געטראגן א פלאש וויין, און ער איז געווען זייער פריילאך, האבן זיי פארשטאנען אז דער מענטש האלט ביי דעם תכלית, האט מען אים אויפגענומען פאר א מלך.

**שפעטער** אין המשך דערמאנט דער רבי דעם לשון, אז זיי האבן געהאלטן אז מ'דארף זיין פריילאך אפילו מ'ווייסט נישט פארוואס, פון דעסטוועגן דארף מען אלעמאל זיין פריילאך.

**מיר** קענען מדייק זיין כמה דיוקים אין די מעשה, איינס, אין דער אמת'ן איז דאך אז מיר וייסן דאך אז דאס איז דאך טאקע דער אמת, אז דער עיקר תכלית איז שמחה און אפילו ווי אזוי מ'איז, ווייסן מיר דאך אזוי פיל דיבורים פון הייליגן רבי'ן און פון ר' נתן, אפילו אין די גרעסטע ירידה, אין די גרעסטע נפילה, דארף ער זיין פריילאך, איז

דאך לכאורה איז דאך דאס אמת, וואס איז דער חסרון געווען ביי זיי, דאס איז טאקע אמת, מילא די כיתה וואס האט געזאגט אז די תכלית איז נאכלויפן מאכלות, נאכן אייגענעם כבוד, פארשטייט מען אז דאס איז היפך האמת, אבער זיין פריילאך אין אלע מצבים, וואו מען איז, אפילו מען ווייסט נישט פארוואס, לכאורה, איז דאס איז דאך דאס טאקע, אזוי דארף דאך זיין, אזוי וויסן מיר דאך.

**און** נאך א דיוק, דער רבי דערציילט אז זיי האבן זיך אויסגעקליבן, זיי האבן געפונען א מלך, דערמאנט דער רבי אז ער איז געווען א גוי, אין די אלע כיתות, זענען זיי דאך געווען אלץ פון די סטרא אחרא, דער רבי דערמאנט נישט דער ווארט גוי, עפעס פונקט ביי די כת, האבן זיי אויסגעקליבן א גוי.

**דער** גוי האט געהאלטן ווין אין האנט א פלאש מיט ווין, נו, וואס איז דער חסרון, מיר האבן דאך פריער געהערט די גרויסקייט פון משתה היין פורים, אדרבה, 'יין ישמח לבב אנוש', כמה וכמה פסוקים, טאקע די סגולה פון ווין, ווין איז דאך א געוואלדיגע זאך, 'תנו יין למרי נפש', וואס איז דא דער חסרון, יעדע ווארט וואס דער רבי דערציילט איז דאך דער טייטש אז עס איז געווען מצד הסטרא אחרא, וואס איז דער חסרון פון די ווין.

**און** אגב, אין תורה י"ב ברענגט דער רבי די מעשה פון הורמיז בר ליליתא רחמנא לצלן, דער שד יהודאי, ברענגט דער רבי וואס איז די עצה ניצול ווערן פון דעם שד יהודאי, זאגט דער רבי 'ונקיט תרי כסא דחמרא בידיה', עס איז דא צוויי בחינות פון יין, עס איז דא א בחינה פון "יין מלכות רב", און עס איז דא א בחינה פון "יין ישמח לבב". על כל פנים, ומורק מהאי להאי, דאס איז די עצה וואס דורך דעם ווערט מען ניצל פון דער הורמיז בר ליליתא, [מיר וועלן] נישט אריין גיין ערשט אין די תורה, אין דעם גאנצן ענין, בפרט וואס דארטן דער רבי רעדט איז כולו קבלה'דיגע ענינים, אבער יעדע זאך האט דאך אין פשטות.

**דער** רבי שטעלט צו א פסוק 'ויין מלכות רב', עס שטייט דאך ביי אחשוורוש, ביי די סעודה וואס "נהנו מסעודתו של אותו רשע" וואס אויף דעם איז נגזר געווארן די

גזירה, וואס פאר א צושטעל איז ויין מלכות רב, דער רבי רעדט דאך עפעס פון א יין וואס ניצל צו ווערן פון די סטרא אחרא.

**על** כל פנים, האט דער גוי האט געהאלטן א כסא דחמרא, וואס טוט זיך דא.

## מיר האבן מיט וואס צו זיין פריילאך

**דער** תירוץ איז איין ווארט, עס איז דא איין ווארט אין די מעשה וואס דאס איז דער תירוץ אויף אלע קושיות, "מען דארף זיין פריילאך אפילו מען ווייסט נישט מיט וואס צו זיין פריילאך", אט דאס איז א גוי'שע שמחה, דאס איז די שמחה פון א גוי, עס איז א פאלשע שמחה.

**מען** דארף זיין פריילאך, **א איד האט מיט וואס צו זיין פריילאך**, די אלע דברי התחזקות פון דעם הייליגן רבי'ן, פון די הייליגע צדיקים, אז איך שהוא, אפילו, ווי דער רבי זאגט, "אז מען וויל נאר זיין א איד איז שיין עבירה גדולה להיות בעצבות", עס איז נישט עפעס קיין ווערטער וואס מען וויל אזוי ווי בארואיגן, מחזק זיין, זאגט מען איס אזעלכע דיבורים אבי ער זאל זיין פריילאך אז ער זאל נישט אראפ פאלן, ניין! יעדער דבר התחזקות פון דעם הייליגן רבי'ן, דאס איז אמת ויציב ונכון, און אזוי איז דאס טאקע בפשטות גמור, בפשטות גמור!

**מיר האבן מיט וואס פריילאך צו זיין! מיר וויסן מיט וואס מיר זענען פריילאך. מיט וואס זענען מיר פריילאך? מיט דעם וואס מיר זענען די בחינה פון "איש יהודי"- "שלא עשני גוי" וואס עס ליגט אין די שמחה וואס עס ליגט אין דעם שלא עשני גוי, דאס איז דער שורש השמחה, דער "שלא עשני גוי" דער "איש יהודי היה".**

**א איד!** וואס הייסט א איד? "קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל כולא חד", און אפילו וואס עס גייט איבער, אבער דער קשר, אט דער "כולא חד" האט דער קשר מיטן אויבערשטן, דאס קען קיינער נישט אפרייסן. דאס קען קיינער נישט אפרייסן.

**און** די שמחה, אט דאס איז די שמחה אמתית. די שמחה אמתית, מיר וויסן – אבער

מיר ווייסן נישט, דאס איז עד דלא ידע, תכלית הידיעה שלא נדע, דער סוד פון א איד, איך שהוא, אוודאי, די סטרא אחרא מאכט דאך די קדושה, מען דארף זיין פריילאך אין אלע מצבים, וואס עס גייט איבער, טאקע פריילאך באמת, אבער מיר ווייסן, מיר ווייסן וואס מיר ווייסן נישט, מיר ווייסן אז א איד, ווייל איך בין א איד, דער פנימיות פון א איד דאס קען מען נישט אפרייסן.

**דער קשר מיטן אויבערשטן, דאס קען קיינער נישט אפרייסן, דאס איז א נצחיות,** נצח ישראל לא ישקר, דער אויבערשטער איז נצח, דער רבי זאגט אין תורה כ"א, "חיים נצחיים איז רק לקב"ה", אבער אז מען ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן, מען ווייסט פון אויבערשטן, וואס הייסט מען ווייסט פון אויבערשטן? מען ווייסט אז מען איז א איד, איז מען נצח ישראל, איז מען אויבעט נצחיים, און דאס איז מחיית עמלק, אזוי ווי מיר האבן געהערט שבת פון [הרה"ח] ר' יעקב מאיר'ן [שכטער] זאל זיין געזונט און שטארק, נצח ישראל לא ישקר, דער איד, די נקודה הפנימית.

**ס'איז** דא צוויי בחינות, עס איז דא יין מלכות, מיר האבן פריער גערעגט, דער רבי שטעלט צו 'יין מלכות' וואס דאס שטייט ביי די סטרא אחרא ביי אחשוורוש, אוודאי בפשטות ווייסט מען אלעמאל אז 'זה לעומת זה עשה אלוקים', אז ס'איז דא א מלכות דסטרא אחרא און עס איז דא א מלכות דקדושה, אבער דער אמת'ן אז מען לערנט די ערשטע תורה אין ליקוטי מוהר"ן, ווייסט מען אז די מלכות, אט די מלכות, האט דער איד. אלץ וואס עס טוט זיך ארום אים, אט דאס קען זיין א מלכות דקדושה און דאס קען זיין א מלכות דסטרא אחרא, דער עסן, דער טרינקען, עסט ווי א איד, טרינקט ווי א איד, שלאפט ווי א איד, איז דאס מלכות דקדושה, 'לא יחפוץ כסיל בתבונה כי אם בהתגלות לבו', ער עסט ווי א גוי, ער עסט לשם עסן, איז דאס מלכות דסטרא אחרא.

## מקשר זיין אלץ צום אויבערשטן

**דער** עיקר איז, ר' נתן זאגט, דער רבי רעדט פון מלכות מיט שכל, מיט חכמה, חכמה דאס איז די פנימיות שבכל דבר, דאס איז די פנימיות פון א אידן, נשמת ש-די תבינם,

דער קשר פון א איד מיטן אויבערשטן וואס דאס איז דא ביי יעדן אידן, אפילו ביי דעם ערגסטן שבערגסטן, און עס איז דא א חיצוניות, דער עיקר איז מקשר זיין די חיצוניות מיט די פנימיות, דער מלכות דאס איז די חיצוניות, דארפסט נעמען די מלכות, אט די ווין, אט די וויין טרינקען פאר דעם אויבערשטן, טאן דעם רצון הבורא. **איך טרינק וויין ווייל דער אויבערשטער וויל**, איז דאס "יין מלכות דקדושה", די זעלבע וויין אז מען טרינקט ווייל אחשוורוש הייסט טרינקען איז דאס מלכות דסטרא אחרא.

**אבער** דער עיקר איז מקשר זיין אלץ צום פנימיות, דער פנימיות איז "ויין ישמח לבב" **עס איז דא א פנימיות פון א אידיש הארץ**, 'צור לבבי' עיקר אלקות הוא בלב, דאס איז אן אנדער סארט וויין, ויין ישמח לבב, ויין מלכות, די חיצוניות, די מלכות, זיי דאס מקשר מיטן "יין ישמח לבב", ומורק מהאי להאי, דאס איז א מלכות דקדושה.

**אט** דער גוי, זיין וויין איז אחשוורוש'ס וויין, ס'איז אנדערע וויין, עס איז 'יין מלכות' פון אחשוורוש, מיר טרינקען יין מלכות פון כביכול, מיר טרינקען 'יין מלכות' פון הייליגן רבי'ן, וואס דער הייליגער רבי איז אונז מחזק מיט אזעלכע געוואלדיגע דברי התחזקות, איז געוואלד, דער רבי זאגט אז עס איז נישטא קיין תאוות, זייט דאס נאר מקשר צום אויבערשטן, עסט פארן אויבערשטן, מאכט א ברכה מיט כוונה, טרינקט וויין ווען מען דארף טרינקען, וויין פון קידוש, וויין פון ברכת המזון, וויין פון פורים, טרינק וויין - פארן אויבערשטן, איז דאס שוין אנדערע וויין, אדרבה האסט ארויס גענומען די מלכות, די יין מלכות פון די סטרא אחרא פון אחשוורוש, האסט דאס ארייגעלייגט אין די קדושה.

## נעמען די הנאות צום אויבערשטן

**אט** דאס איז אונזער שמחה, דאס קען נאר א איד, דאס קען נישט קיין גוי ווייל א גוי האט נישט קיין פנימיות, א גוי איז כולו חיצוניות, א איד האט פנימיות וואס דאס איז 'ער', די חיצוניות איז א צווייטע זאך, ער קען די חיצוניות זאל אויך ווערן פנימיות, זאל אויך ווערן א שטיק איד, דער גוף זאל אויך ווערן נשמה, אט דאס איז אונזער שמחה,

אז "קודשא בריך הוא וישראל כולא חד", דאס איז אונזער שמחה, מיט דעם פרייען מיר זיך.

**כל** ההתחלות מפורים, אז פורים גיבט מען אונז א מצווה פון טרינקען וויין, נעמען די וויין, שטייט דאך אז דער גלות רחמנא לצלן איז געווען וואס מען איז נמשך געווארן נאך די וויין, יעצט דארף דאס מתקן זיין, מען האט געמאכט פון די וויין א דבר נפרד, מען ווייסט נישט מיט וואס מען איז פריילאך, מען איז פריילאך מיט די תאוות, אזוי ווי מיר האבן געהערט פון ר' נחמן [הפורים רב] די בחינה פון "אייזיל ואתהני בהאי עלמא".

**אבער** אז מען נעמט האט די הנאות פארן אויבערשטן, איך זאג נישט קיין מוסר דאס געהערט צום רבי'ן (דער פורים רב) ער האט אונז געזאגט מוסר טאקע, מוסר וואס עס איז חודר כליות ולב, איך רעד צו זיך און מיר רעדן צוזאמען, מיר רעדן זיך דורך, מיר ווילן זיך מחזק זיין.

**דער** רבי האט געזאגט אז אלע התחלות איז מפורים, **איך וויל אנהייבן! איך וויל אנהייבן!** מיר גלויבן באמונה שלימה אז דער רבי האט אזוי געזאגט אז אלע התחלות איז מפורים, האבן מיר א כח אנצוהייבן.

**איך** וויל נאר איבערזאגן, ענדיגן מיט דעם, צוויי חידושים, אפשר איז עס פורים'דיגע חידושים, אבער עס קען זיין, יכול להיות אמת. אין דעם ענין פון פורים המשולש, איך האב געזאגט איינעם, על כל פנים, להיטיב מטובו לאחרים (עיין תורה כ"א) אויב עס איז אמת.

**דער** ענין פון פורים המשולש, איז דאך דא די טעמים על פי הלכה, על פי פשט, אבער מיר ווייסן דאך אז יעדע זאך האט א פנימיות, און פנימיות דפנימיות, רזין דרזין, עס איז דא צווי זאכן וואס עס איז מיר איינגעפאלן, אפשר קען מען דאס ארויסזאגן.

## פורים איז א מתנה א שפע מיוחד א ריבוי אור גדול

**איינע** פון די זאכן, ס'ווערט גערבערנגט אין ספרים הקדושים, אנטקעגן דעם ענין פון יום טוב שני של גליות, איז דאך אויך דא טעמים על פי פשט ועל פי הלכה, אבער ס'ווערט געברענגט, אז יעדער יום טוב קומט דאך אראפ זיין השפעה, געוואלדיגע השפעות, אורות עליונים, יעדער יום טוב מיט זיין בחינה, איז ווערט געברענגט, אז וואס איז דער ענין אז חוץ לארץ דארף מאכן צוויי טעג יום טוב? ווייל חוץ לארץ האט נישט דעם כח צו מקבל זיין דעם שפע אין איין טאג, האט מען געגעבן צוויי טעג, מחלק זיין, צוטיילן דעם שפע זיי זאל קענען פארנעמען, אבער ארץ ישראל האט א כח, מען קען פארנעמען דעם גאנצן שפע אין איין טאג אויבעט.

**איך** האב געקלערט אז עס קען זיין, קיין זאך איז נישט במקרה, אז עס פאלט אויס פורים אין שבת, דער אויבערשטער האט דאך מסדר געווען בתחילת הבריאה יעדע זאך, אוודאי דער פורים איז מתחילת הבריאה, קיין ספק נישט, האט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט, ער וויל געבן די אידן שפע בפרט אין אזא טאג פורים, אזא טאג פורים, אפשר באלד ווען מיר הערן דעם צווייטן ענין, אזא טאג פורים וויל דער אויבערשטער געבן א מתנה וואס דאס איז נאר לפרקים, עס איז א שפע אור גדול, א ריבוי שפע, וואס אפילו ירושלים עיר הקודש, וואס לויט דער ריבוי השפע, מוז מען האבן דריי טעג.

**פארקערט,** אזוי ווי מיר גלייבן דאך אז מיר שטייען שוין פאר משיח'ן, עס איז שוין ממש נאנט, מען טאפט דאס מיט די הענט, מען שמעקט דאס שוין, וויל דער אויבערשטער מכין זיין אזעלכע השפעות עליונות, קומט אראפ דער טאג, דער פורים, א שפע מיוחד, וואס מען דארף האבן אויף דעם דריי טעג צו מקבל זיין דער שפע, דאס איז איין זאך, אויב עס איז אמת, און טאמער נישט איז בטלין ושביקין.

**דער** צווייטער ווארט, דער פנימיות פון דעם איז זיכער אמת, דער צווייטער ווארט וואס מיט דעם וועלן מיר ענדיגן, און מיר ווען מקיים זיין טאקע בפועל שמחת

פורים, און הערן די געוואלדיגע דיבורים פון אונזער הייליגער חבר, דער חבר פון אלע ברסלב׳ער חסידים, הרב החסיד רבי יעקב מאיר שעכטער שיחיה לימים טובים ארוכים.

## פורים איז א מתנה פון אוצרות המלך

**איך** האב געוואלט זאגן נאר איין ווארט, מען זעט נאך א חידוש אין דעם פורים המשולש, חידוש נורא ונפלא, איך האב דאס היינט געזאגט איינעם, א חידוש נורא ונפלא, א ווילד חידוש, דער חידוש איז א ווילד חידוש.

**מיר** ווייסן, פורים, יום כ-פורים, יום כיפור איז כ-פורים, וואס איז דער חידוש כ-פורים? פורים האט עפעס א מעלה? איך ווייס נישט, אבער על כל פנים כ-פורים, יום כיפור שיינט אזעלכע אורות, עס רופט זיך אן ׳אור הבינה׳, געוואלדיגע אורות וואס שיינט יום כיפור, אבער יום כיפור דארף מען פאסטן, אזוי ווי כלל ישראל פירט זיך יום כיפור, אז מען זאל קענען מקבל זיין די אורות פון יום כיפור.

**פורים** איז א יום חול, אזא הארה, עס שיינט אזא הארה אפילו ביי א יום חול, א וואכעדיגע טאג, ממש א וואכעדיגע טאג, מען מעג טאן מלאכה און אף על פי כן איז דער עיצומו של יום, דער יום הפורים, אזא נדיבות לב פון די אוצרות המלך וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א מתנה בימי הגלות, אזא טאג, כדי לחזק די נשמות החלושות אין גלות האחרון, [וואס מ׳איז אריינגעפאלן] אין שער הנו״ן, דארף מען האבן אזעלכע אורות, דארף מען האבן אזעלכע רפואות וואס דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט, **דא זעט מען די רחמנות פון דעם אויבערשטן, מען זעט ווי דער אויבערשטער געבט אכטונג אויף אונז, מיר זענען דאך אזעלכע חולים, האט דער אויבערשטער געגעבן אזא מתנה, אזא מתנה,** דער אויבערשטער איז משפיע אזעלכע אורות וואס דער אר״י הקדוש זאגט אז עס איז נישטא אין קיין שום זמן מזמני השנה, אפילו שבת ויום טוב, און דייקא אין יום חול.

**דאס** איז דער סוד פון סיפורי מעשיות, וואס דער הייליגער רבי האט ממשיך געווען אזעלכע סודות פון אויבערשט'ן, אין אזעלכע לבושין דחול, אין שיחות חולין.

**אבער** אין דער אמת'ן, עפעס איז דאך דא אין דעם יום טוב, אין דעם פורים, מען ליינט די מגילה, מען זאגט על הניסים, מען טוט דאך עפעס, דער אויבערשטער האט געגעבן עפעס אזא השפעה, אין אזא טאג, אין היינטיגן טאג, (פורים המשולש) נישט קיין מגילה, און נישט קיין על הניסים, א יום חול ממש ביזן סוף, און אף על פי כן, טרינק ווין און זיי פריילאך, א שמחה שאין לה סוף, איז דאך דער פשט ווייל עס איז אזעלכע אורות אזוי ווי מיר האבן פריערט גערעדט, וואס מען דארף האבן אזא טאג, א וואכעדיגע טאג לגמרי, אן קיין שום ענין פון עפעס א שינוי פון א אנדער טאג, נישט קיין מגילה און נישט קיין על הניסים. און שכרות א גאנץ יאר איז א עבירה, ווי דער רבי האט אונז אנגעזאגט.

## אפילו א מענטש מיינט ער איז אינגאנצן 'וואכעדיג' איז ער א 'איש יהודי'

**און** דער טאג, א וואכעדיגער טאג, אדרבה, יעצט מיטן משתה היין, ווי מיר האבן געהערט פריערט פון אונזער רבי'ן (הפורים רב) אין משתה היין קען מען ממשיך זיין אז דער רבונו של עולם הערט אונז צו, כל הפושט יד נותנים לו, און אין דעם וואכעדיגן טאג, אדרבה, דאס איז צו אונז מרמז זיין, אז אפילו דעם מענטש דאכט זיך אז ער איז אינגאנצן וואכעדיג, ער ליגט אינגאנצן אין עולם הזה, אבער איין זאך טאקע, ער ווייסט אז ער איז א "איש יהודי", און אויב ער איז א "איש יהודי", איז ערשט קען ער זיין פריילאך מיט א שמחה אן א גבול.

**דער** אויבערשטער זאל העלפן, אז מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין די השפעות פון דעם הייליגן פורים, און אזוי ווי מיר ווייסן, 'און היינט' (ועכשיו) 'און היינט' ומשך

באריכות נועם דעםווארט 'און היינט', היינט איז אלע התחלות, היינט, פורים מיטן הייליגן רבי'ן, "פורים שטייט איין נחמן בא מרדכי".

**דער** אויבערשטער זאל העלפן מען זאל טאקע מאכן א נייע התחלה, מיר האבן פריערט געהערט פון דעם רבי'ן [פורים רב], דעם היינטיגן, ער רופט זיך, א פורים'דיגע זאך, מיר האבן איין רבי'ן, דעם הייליגן רבי'ן.

## זיך מבטל צום רבי'ן - זיך ארויפווארפן אויפן רבי'ן

**דער** אויבערשטער זאל העלפן אז מען זאל אנהייבן מיט א נייע התחלה ווערן חסידים פון דעם הייליגן רבי'ן, זיך אינגאנצן מבטל זיין, דאס פאדערט דער רבי פון אונז שטענדיג, און מען דארף נישט זיין קיין גרויסער בעל מדריגה צו דעם, מען קען זיין אזוי ווי מען איז, די ערשטע זאך זיך ארויפווארפן אויפן רבי'ן, ושדיוהו לגודא (ראה תורה ד') זאגט דער רבי, זיי האבן זיך ארויפגעווארפן, ושדיוהו, זיך ארויפווארפן אויפן הייליגן רבי'ן.

**ר'** נתן חזר'ט אלעמאל איבער אין בריוו, מיר האבן ברייטע פלייצעס, מיר האבן ברייטע פלייצעס! ר' נתן זאגט אין א בריוו, עס איז נישטא קיין שום מרה שחורה שבעולם וואס קען מבטל זיין את די שמחה וואס מען ווייסט פון אזא הייליגן רבי'ן.

**לאמיר** זיך נעמען, זיך ארויפווארפן אויפן רבי'ן, זיך איבערגעבן אינגאנצן, זיך איבערגעבן צום דעת פון הייליגן רבי'ן, צום הייליגן ליקוטי מוהר"ן, ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים, די עצה שבכל העצות איז דער 'לבוא לפני המלך ליפול לפני רגליו ולהתחנן', זיך אויסרעדן דאס הארץ פארן הייליגן באשעפער.

**אוודאי** איז דאס דער תכלית, מען דארף בעטן אויף דעם און זיך בענקען אויף דעם, און זיך משתדל זיין צו מקיים זיין אלע טאג, א שעה צייט זיך אויסרעדן, און אזוי האט דער רבי געהייסן, און מיר דארפן נישט וויסן פארוואס און פאר ווען, ווייל דאס איז א עצה פון די עולמות העליונים פון די הסתר מקומו.

**אבער** צוזאמען מיט דעם דארפן מיר נישט אראפפאלן, וואו מען שטייט און וואו מען גייט, מען גייט אין גאס, מלא כל הארץ כבודו, רעדן א דיבור צום אויבערשטן, רעדן א דיבור "רבונו של עולם העלף מיר, רבונו של עולם ראטעווע מיר, וואס איך דארף וואס ס'פעלט מיר, דו ווייסט דאך, ביסט נאנט צו אונז, גאט איז ביי דיר און מיט דיר און נעבן דיר".

**אט** דאס איז דער יסוד, דאס איז דער שורש פון כל העצות, אוודאי דארף מען צוקומען צום שלימות פון גאנצן ליקוטי מוהר"ן, און עס קען זיין, ווייל דער רבי האט אונז געזאגט די תורות פאר יעדער איינעם לפי דרגתו.

## מיט כח התפילה קען מען זוכה זיין צו מקיים זיין אלע עצות

**דער** אויבערשטער זאל העלפן, איך זאל זוכה זיין און אלע זאלן זוכה זיין מקיים זיין אלע עצות פון הייליגן רבי'ן, בפרט די עצה פון התבודדות, [און] די עצה פון זיך טאקע לייגן פרי שלאפן [און אויפשטיין חצות], דער בעל דבר לייגט ארויף אויף דעם די גרעסטע התגברות, ר' שמואל שפירא פלעגט זאגן ר' לוי יצחק'ן [בנדר]: "וואס רעדט איר פון אויפשטיין חצות? רעדט פון זיך לייגן פרי שלאפן?!", דער בעל דבר פארלייגט זיך אויף יעדן איינעם מיט זיינע סארטן פיתויים, דער מלאך המוות הוא מלא עיניים, ער געפינט שוין די וועג ווי אזוי צו קומען צו יעדן איינעם.

**מ'דארף** וויסן אז וויפל די זאך איז ווייט פון אונז, אבער דער רבי האט אונז מגלה געווען דעם כח התפילה, בעט! בעט! בעט אויף דעם, דו ווילסט דאך, דאס איז זיכער אז מען וויל, ווער וויל נישט, בפרט א ברסלב'ער חסיד וואס ווייסט פון הייליגן רבי'ן, ווער וויל נישט, ווער וויל נישט מקיים זיין די עצות, ווער וויל נישט זוכה זיין אויפשטיין חצות בכל לילה און דינען דעם אויבערשטן מיט הארעוואניע, זוכה צו זיין זיין אויף ביז אינדערפרי און דאווענען וותיקין, און א גאנצן טאג פארברענגען בתורה ותפילה ועבודת השם און עסן און טרינקען פארן אויבערשטן.

**ווער** וויל דאס נישט, יעדער איינער וויל דאס, ווער ס'איז נאר א איש יהודי, איז דאך זיכער אז ער וויל דאס, נאר מען מיינט אז ס'איז ווייט, און זיי זעהען אז ס'איז טאקע ווייט, כל זמן אז מען בעט דאס נישט, מען שלאפט. אבער אז מען בעט, האט דער רבי געזאגט אז מען קען אויס פועל'ן "כל הטוב שבכל העולמות", און אויב אזוי, דארף מען דאך אוודאי פרייליך זיין, דארף מען דאך אוודאי פרייליך זיין (מיט א ניגון).

**דער** אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין טאקע בפועל ממש מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן און ווערן אמת'ע ברסלב'ער חסידים אנו וזרענו וזרע זרענו, מיר זאלן אלע צוזאמען אנטקעגן גיין משיח צדקנו במהרה בימינו מתוך שמחה ונחת, אמן כן יהי רצון.